# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:55
מוצאי שבת חוה"מ..........7:21

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................איוב ו'-ז'
בבלי..............בבא בתרא קי"ד
ירושלמי...................יומא ל"ה
תוספתא...................טהרות ד'
רמב"ם...............קרבן פסח ט'

יום טוב סוכות, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 3 (671)

# אַ וָואוֹרְט אוֹיף יוֹם טוֹב

וְהָגֵן בַּעֲדֵנוּ מִשַּׁלְהוֹבוֹי וּמִדִּינוֹי דְּצֶדֶק. אִין דִי תְּפִלָּה וָואס מֶען זָאגְט אוֹם סוּכּוֹת בִּשְׁעַת פְּתִיחַת הָאָרוֹן, וָואס דָאס קוּמְט פוּן הֵיילִיגְן חִידָ"א זי"ע, בֶּעט מֶען דָארְט, "וְהָגֵן בַּעֲדֵנוּ מִשַּׁלְהוֹבוֹי וּמִדִּינוֹי דְּצֶדֶק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן דִי פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק'". דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי תְּפִלָּה וָואס מֶען בֶּעט אַז מֶען זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן 'צֶדֶק'?

אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ גֶעפִינֶען מִיר אִין אִדְרָא זוּטָא (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ דַּפִּים רפ"ח-רצ"ב), רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ דְרֵיי זַאכְן אִינֶעם טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְּקוּת, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ "אַסְהַדְנָא עָלַי לְכָל אִלֵּין דְּהָכָא, דְּהָא מִן יוֹמָאי לָא בָּטִילְנָא אִלֵּין ג' סְעוּדָתֵי", אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְט צוּ עֶסְן אוֹם שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת. דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ "אַסְהַדְנָא עָלַי. דְּכָל יוֹמִין דְּקָאֵימְנָא, תָּאִיבְנָא לְמֶחֱמֵי יוֹמָא דָא", זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאב עֶר גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם טָאג וָואס עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט. אוּן דִי דְרִיטֶע זַאךְ "אַסְהַדְנָא עָלַי, דְּכָל יוֹמָאי הֲוֵינָא מִצְטַעֵר עַל עָלְמָא, דְּלָא יֶעֱרַע בְּדִינוֹי דְּצֶדֶק, וְלָא יוֹקִיד עָלְמָא בְּשַׁלְהוֹבוֹי", זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר זִיךְ מִצְטַעֵר גֶעוֶוען אַז דִי וֶועלְט זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן דוּרְךְ דִי פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק'. וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם, וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פוּן 'צֶדֶק'?

עֶס אִיז זִיכֶער דָא הוֹיכֶע סוֹדוֹת וָואס דָאס פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק' בַּאדֵייט, אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוֹיסֶער דִי אַלֶע הוֹיכֶע סוֹדוֹת זָאל מֶען זוּכְן וָואס מֶען קֶען נֶעמֶען אִין הַאנְט, וָואס דָאס קֶען מֵיינֶען פַאר מִיר, אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִיצְן אִין לֶעבְּן. הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַ פָּשׁוּט'עֶ פְּשַׁט וָואס מִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, 'צֶדֶק' - מֵיינְט גֶערֶעכְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, מִיט זַיין וַוייבּ, מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים, מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶוערְט פָּשׁוּט פַארְבְּרֶענְט; עֶר אִיז צֶעקְרִיגְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַרוּם אוּן אַרוּם, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם, עֶר קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַלֶעס נָאר וַוייל עֶר אִיז פָּשׁוּט גֶערֶעכְט.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן מִיט אוּנְז דֶעם וָואוֹרְט: "זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט"; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה - נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט נָאר זוּכְן וואו מֶען קֶען זַיין קְלוּג. אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן מַחֲלֹקֶת הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט. דָאס הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי גֶעזָאגְט אִין טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְּקוּת: אִיךְ זָאג עֵדוּת אוֹיף מִיר אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאב אִיךְ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי זַאךְ פוּן 'צֶדֶק', אִיךְ הָאב קֵיינְמָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט.

דָאס בֶּעטְן מִיר בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן, אִיךְ וִויל זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּ דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז".

דָאס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אוֹם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, מֶען אִיז אִינְגַאנְצְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט מֶען דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּ אִים, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט אַלֵיינְס, אֲפִילוּ אַ בְּלֶעטְל וָואס פַאלְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע.

דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ אִיד קֶען צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר זָאל זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט דְבֵקוּת בַּה'? דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "אֱמוּנָה אִיז דְבֵיקוּת", אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, סוּכּוֹת תשפ"ב)

# מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

## דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה

דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה, מֶער פוּן אַנְדֶערֶע מִצְוֹת. אַ אִיד גֵייט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה מִיט זַיין גַאנְצֶען גוּף, מִיט אַלֶע קְלֵיידֶער אוּן מִיט דִי שִׁיךְ, מְ'עֶסְט אוּן מְ'טְרִינְקְט אִין דִי סוּכָּה, מְ'שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה.

וֶוען אַ אִיד זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אַלֶע זַייטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין דִי סוּכָּה. יֶעדֶעס מָאל מְ'גֵייט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, מְ'עֶסְט אִין דִי סוּכָּה, מְ'שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, הָאט מֶען נָאךְ אַ מִצְוָה, וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם?

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז וֶוען עֶר זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ דוּרְךְ צוּ רֶעדְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה כ"ו, כ') "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם", וֶוען אַ אִיד זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ צִימֶער מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען, אוּן מְ'קֶען דָארְט פוּעֶל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בְּרוֹיךְ.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תרל"ט, סְעִיף ד') אַז מְ'קֶען דַאוֶוענֶען אִינֶעוֵוייְנִיג אִין דִי סוּכָּה אָדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי סוּכָּה, וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, דִי פּוֹסְקִים זָאגְן דָארְט (מָגֵן אַבְרָהָם, סְעִיף קָטָן י"ד) אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ

<<<<<<

# א גוט ווארט

מִיר בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דִירַת קֶבַע אוּן מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי דִירַת עֲרַאי; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז עֲרַאי, מִיר זֶענֶען דָא פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַ דִירַת קֶבַע אוֹיבְן אִין הִימְל פַאר דִי נְשָׁמָה, דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, כַאפּ זִיךְ צוּרִיק, הוֹיבּ אָן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה. עֶנְדִיג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, אוֹיךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא; בּוֹי זִיךְ אַ פֶּעסְטֶע דִירָה וָואס וֶועט הַאלְטְן פַאר אֵייבִּיג פַאר דַיין נְשָׁמָה.

קוֹיף ד' מִינִים פַאר דַיינֶע זִין, זָאג נִישְׁט עֶס קָאסְט אַסַאךְ; דִי גַאנְצֶע מַטָּרָה פוּן גֶעלְט אִיז נָאר פַאר דִי טֶעג פוּן יוֹם טוֹב פַאר מִצְווֹת, אִינְמִיטְן ווִינְטֶער אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן מִיט דִי גֶעלְט; יֶעצְט אִיז דִי צַייט אוֹיסְצוּגֶעבְּן פַאר אַ סוּכָּה, פַאר בְּרֶעטֶער, סְכַךְ, נוֹי סוּכָּה, שְׁלַאק אוּן פַאר ד' מִינִים.
(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשפ"ד)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אִין שָׁאטְן פוּן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

עש"ק פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסוּכּוֹת,
י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אַרַיין אִינֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, מִיר גֵייעֶן זִיצְן אִין דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינֶעם שָׁאטְן פוּן אֱמוּנָה, אוּנְטֶער דִי פְלִיגְלֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין כַּעַס אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, וַוייל דוּרְךְ כַּעַס אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן – פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה. מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט גֶעבּוֹיט דִי סוּכָּה פַאר רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶרֶב סוּכּוֹת אַז דִי סוּכָּה זָאל זַיין שֵׁיין אוּן פֶעסְט גֶעבּוֹיט. רֶבִּי נַחְמָן זָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען פְלָאגְט זִיךְ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, מֶען שְׁפִּירְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט – וִוי וֶוען מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפְּלָאגְט..." הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעִמֵינוּ טַעַם סוּכָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה׳, וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט...?"

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בְּרֶענְג אַרַיין יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה, וַוייל וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט – אִיז דָאךְ אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט רִירְן קֵיין הַאנְט, קֵיין פוּס, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן – נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אוּן הֵייסְט; אָבֶּער דִי שִׂמְחָה – דָאס הָאט מִיטְן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות, מֶען פְרֵייט זִיךְ, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מִצְוֹות – דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי אִין אַ וִוינְקֶל, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם, אַ הֵיילִיגְקֵייט – אִין דִי שָׁאקְלֶען לוּלָב, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, עֶפְן מִיר מַיין הַארְץ, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ זוֹיבֶּערְקֵייט, אַ רֵיינְקֵייט. אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי קַאלְט, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג וָואס אִיז סוּכָּה, וָואס אִיז ד׳ מִינִים, וָואס אִיז הַלֵל, הוֹשַׁעְנוֹת, הַקָפוֹת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ וִויל נָאנְטְקֵייט צוּ דִיר".

בְּרוּדֶער, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, גֵיי אִין אַ וִוינְקֶל אוּן רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, מִיר הָאבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּער, עֶר הֶערְט אוּנְז אוֹיס, עֶר וַוארְט מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשפ"ד)

<<<<<< מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

קֶען דַאוֶוענֶען רוּאִיג אִין דִי סוּכָּה זָאל עֶר דַאוֶוענֶען דָארְט, אוֹיבּ אָבֶּער אִיז דָא אַ שׁוּל אִין שְׁטָאט זָאל עֶר גֵיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל. דָאס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וֶועלְכֶע שְׁטָאט הָאט דֶען נִישְׁט קַיין שׁוּל? אוּן פַארְוָואס זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען אִין דִי סוּכָּה אוֹיבּ אִיז דָארְט דָא רוּאִיגְקֵייט? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, דִי גֶעהֶערִיגֶע תְּפִלוֹת, שַׁחְרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, דַארְף מֶען זִיכֶער גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ דִי אֵייגֶענֶע תְּפִלוֹת, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דָאס אִיז יָא זֵייעֶר גוּט צוּ טוּן אִין דִי סוּכָּה. וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע רוּאִיגְקֵייט פוּן דֶעם אַז אַ אִיד וֵוייסְט אוּן שְׁפִּירְט אַז עֶר זִיצְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אִין אַ שְׁטוּבּ, דָאס עֶפְנְט דָאךְ אוֹיף דָאס הַארְץ, דָאס בְּרֶענְגְט דָאךְ אַ רוּאִיגְקֵייט אוֹיף דִי גֶעוִויסְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיצְנְדִיג אִין דִי סוּכָּה.

סְפֶּעצִיעֶל אִיז דִי סוּכָּה אַ גוּטֶע פְלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שִׁידוּךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ג׳:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (וַיִקְרָא כ"ג, מ"ב) "בַּסוּכּוֹת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים", תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ מַה דִירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ; אַז מְ׳זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ. דֶערְפַאר, וֶוען אַ בָּחוּר זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי סוּכָּה קֶען עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַז מְ׳זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ, אִיךְ בִּין דָא אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מַיין חֵלֶק, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוייבּ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת.

נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, ח"א, סי׳ מ"ח) אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז פַאר אַ בָּחוּר דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער. דֶערְפַאר אִיז אִין דִי סוּכָּה דִי בֶּעסְטֶע פְלַאץ פַאר אַ בָּחוּר אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ.

לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וֶוען מִיר זִיצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אוּן דָארְט אִיבֶּערְלָאזְן אוּנְזֶער גַאנְצֶער פֶּעקְל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶענְטְשְׁן לַיידְן לֵיידֶער אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן יִסוּרִים, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע פֶּעקְל צָרוֹת וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט מִיט זִיךְ אוּן קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע צָרוֹת אִיז נָאר דוּרְכְ׳ן עֶס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁטִילֶערְהֵייט, וֶוען קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, וִוי שְׁטַארְק עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן. אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַן אֱמֶתְ׳ער נָאנְטֶער חָבֵר אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט פַאר אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, עֶר וָואלְט אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ. דִי זֶעלְבֶּע, אוּן נָאךְ פִיל מֶער, דַארְף מֶען טוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל פַאר מֶענְטְשְׁן שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נָאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַמָשׁ אַלֶע דֶעטַאלְן, נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן אוֹיסְצוּזָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען יֶענֶער אִיז גָאר אַ נָאנְטֶער חָבֵר. פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אָבֶּער יָא אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן יֶעדֶעס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּ אִים אוּן בֶּעט אִים זַיין הִילְף. אוּן דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד טוּן, סֵיי וֶוען אוּן סֵיי וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, וֶוען מְ׳זִיצְט אָבֶּער אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה אִיז מֶען נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה, דַאן קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין אַז וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ גֶעזֶעגְענֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה נָאךְ יוֹם טוֹב, זָאל עֶר אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זִיךְ אוֹיךְ גֶעזֶעגְענֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן נָאר אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער.

(קוּנְטְרֵס יוֹם טוֹב סוּכּוֹת)

## סֵפֶר הַמִדּוֹת אֲכִילָה, חֵלֶק שֵׁנִי

יג. "לְ׳כוּ לַ׳חֲמוּ בְ׳לַחְמִי וּ׳שְׁתוּ", רָאשֵׁי תֵבוֹת "לוּלָב", "בְּיַין" עִם הָאוֹתִיּוֹת גִּימַטְרִיָּא רָאשֵׁי תֵבוֹת שֶׁל "אֶ׳תְרוֹג הֲ׳דַס עֲ׳רָבָה", "מָסָכְתִּי" בְּחִינַת סֻכּוֹת. עַל יְדֵי מִצְוַת נְטִילַת אַרְבָּעָה מִינִים וְעַל יְדֵי סֻכָּה, אָדָם זוֹכֶה לַאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּמַלְבּוּשִׁים, וְגַם לְחִיּוּת הַנְּשָׁמָה. עַל יְדֵי סֻכָּה זוֹכֶה לְמַלְבּוּשִׁים, בְּחִינַת "בְּשׂוּמִי עָנָן לְבוּשׁוֹ", עַל יְדֵי עַרְבֵי נַחַל זוֹכֶה לִשְׁתִיָּה, עַל יְדֵי הֲדַס זוֹכֶה לְחִיּוּת הַנְּשָׁמָה, וְעַל יְדֵי לוּלָב וְאֶתְרוֹג זוֹכֶה לַאֲכִילָה, כִּי יֵשׁ בָּהֶם פְּרִי, שֶׁהֵם מִינֵי מַאֲכָל.

דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב אוּן זִיצְן אִין דִי סוּכָּה, אִיז אַ מֶענְטְשׁ זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען עֶסְן, טְרוּנְקֶען, קְלֵיידֶער, אוּן אוֹיךְ אַ לֶעבְּהַאפְט פַאר זַיין נְשָׁמָה.

דוּרְךְ דִי סוּכָּה בַּאקוּמְט מֶען קְלֵיידֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב ל"ח, ט׳) "בְּשׂוּמִי עָנָן לְבוּשׁוֹ", דִי סוּכָּה אִיז אַ זֵכֶר צוּ דִי וָואלְקֶענֶעס וָואס הָאבְּן אַרוּמְגֶענוּמֶען דִי אִידְן וִוי אַ קְלֵייד. דוּרְךְ דִי עֲרָבוֹת וָואס וַואקְסְן בַּיים טַייךְ, בַּאקוּמְט מֶען טְרוּנְקֶען. דוּרְךְ דִי הֲדַסִים בַּאקוּמְט מֶען חַיוּת פַאר דִי נְשָׁמָה (דִי נְשָׁמָה הָאט הֲנָאָה פוּן אַ גוּטֶע גֶערוּךְ). אוּן דוּרְכְ׳ן לוּלָב אוּן אֶתְרוֹג, וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ פֵּירוֹת וָואס מֶען קֶען עֶסְן, בַּאקוּמְט מֶען עֶסְן.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי ט׳, ה׳) "לְכוּ לַחֲמוּ בְלַחֲמִי וּשְׁתוּ בְּיַין מָסָכְתִּי"; דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "לְ׳כוּ לַ׳חֲמוּ בְ׳לַחֲמִי וּ׳שְׁתוּ" אִיז "לוּלָב", דָאס וָוארְט "בְּיַין" מִיט דִי פִיר אוֹתִיוֹת אִיז בְּגִימַטְרִיָא דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "אֶ׳תְרוֹג הָ׳דָס עֲ׳רָבָה", אוּן דָאס וָוארְט "מָסָכְתִּי" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן סוּכּוֹת.

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (קעט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אוֹיף שַׁבָּת נַחֲמוּ אִין שְׁטָאט טְשֶׁערִין, וואוּ עֶר דֶערְצֵיילְט דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ.**

**תריב**

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ג אָב, אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּרִיק צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה. דֶער יְסוֹד פוּן דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַן עֵצָה אִין לֶעבְּן, זָאל עֶר בֶּעטְן אַן עֵצָה פוּן צַדִיקִים, אָדֶער פוּן זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, אָדֶער כָאטְשׁ פוּן קִינְדֶער פוּן צַדִיקִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט נִמְתָּק אַלֶע דִינִים אוּן מֶען וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן יִסוּרִים, אַז עֶס זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קוּמֶען קֵיין יִסוּרִים אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, אוּן אֲפִילוּ אוֹיב עֶס וֶועט חַס וְשָׁלוֹם יָא קוּמֶען יִסוּרִים אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי יִסוּרִים מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן שִׂמְחָה, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ מְצַמְצֵם כִּבְיָכוֹל אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין דִי יִסוּרִים, אוּן אַזוֹי בַּאקוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ אַלֶעס גוּטְס אוּן גְרוֹיסֶע חֲסָדִים דוּרְךְ דִי יִסוּרִים.

אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים, נִישְׁט דוּרְךְ רֶבִּי נָתָן, אִיז עֶס נִישְׁט גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִינֶעם סֵפֶר הַקָדוֹשׁ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אָבֶּער יֶעצְט הָאט מֶען עֶס אַרַיינְגֶעדְרוּקְט בַּיים סוֹף פוּנֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, בֵּיי דִי הוֹסָפוֹת פוּן תּוֹרוֹת פוּן כְּתַב יַד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

**תריג**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט עֶר דָארְט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ, אוּן אֵיידֶער עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ״אִין וֶועג הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, וָואס וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶעהֶערְט, הָאט גֶעהַאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה; אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה...״, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער דִי מַעֲשֶׂה אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת (מַעֲשֶׂה א׳).

**תריד**

מָאנְטָאג, ד׳ אֱלוּל, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּטָחוֹן, אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסָר הַשֵׂכֶל, וִוי אַזוֹי דוּרְךְ אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָחוֹן קֶען מֶען לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים.

די מַעֲשֶׂה אִיז גֶעדְרוּקְט אִין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע קוּנְטְרֵס.

## שְׁנַת תקס״ז

**תרטו**

רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תקס״ז, אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי וִוי אַיינְגֶעפִירְט יָאר יֶערְלִיךְ (זֶע אוֹיבְּן סִימָן ת״ט).

דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, בֵּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ לַאנְגֶע תּוֹרָה לוֹיטְ׳ן מַאֲמַר אִין אִידְרָא רַבָּא (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ,

<<<<<<

**שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב**




# וִוי אַזוֹי הֵיילְט מֶען אוֹיס דִי אוֹיגְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, סֵיי בֵּיי דִי דְרָשׁוֹת אוּן סֵיי בֵּיי דִי בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ חַתוּנָה גֶעהַאט שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר, אַ וואוֹילֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין וַוייבּ לַיידְט פוּן אַ גֶעוִויסֶע גֶעזוּנְטְהֵייט פְּרָאבְּלֶעם אִין דִי אוֹיגְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּנְזֶער לֶעבְּן. מַיין וַוייבּ הָאט גָאר גְרוֹיס דְרוּק פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר פַּרְנָסָה פוּן פַארְטָאגְס בִּיז זִיבֶּענֶע בַּיינַאכְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען בְּרוֹיט אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דִי אַלֶע דָאקְטוֹרִים אוּן טֶערָאפִּי קָאסְט אָפּ שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער, אוּן מִיר זֶעעֶן נִישְׁט קֵיין יְשׁוּעָה.

אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט הָאבְּן וִויכְטִיג חִיזוּק אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט מְשׁוּגָע וֶוערְן פוּן אַזוֹיפִיל לַחַץ, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין, אוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב חַג הַסוּכּוֹת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דִי רְפוּאָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת רְאִיָה, סִימָן י): ״הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם״, קוּקְן אוֹיפְן אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֵוייטָאג; דֶערִיבֶּער פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידִים צוּ קוּקְן אוֹיף דִי אֶתְרוֹג דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן - בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל קוּקְן אוֹיפְן אֶתְרוֹג, אַזוֹי וֶועט זִי הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן, זִי וֶועט אַרוֹיס גֵייִן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן פוּן אַלֶע לְחָצִים.

נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵייעֶר לֶעבְּן וֶועט אִיר אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִין, סִימָן יד): ״מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ כְּאֵב עֵינַיִם אוֹ כְּאֵב מֵעַיִם, בְּיָדוּעַ שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו״, וֶוער עֶס הָאט אוֹיגְן וֵוייטָאג אָדֶער בּוֹיךְ וֵוייטָאג אִיז אַ סִימָן אַז דִינִים רוּעֶן אוֹיף אִים; דִי עֵצָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִינִים פוּן זִיךְ - אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים, דֶעמָאלְט וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִין, סִימָן כה): ״מִי שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו, יִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׁמַיִם״, אוֹיב מֶען הָאט אוֹיף זִיךְ דִינִים זָאל מֶען כְּסֵדֶר קוּקְן אוֹיפְן הִימְל; אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, דֶעמָאלְט וֶוערְט בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן מֶען לֶעבְּט אַ חַיִים טוֹבִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סז:): אַ כִּישׁוּף מַאכֶערְן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן כִּישׁוּף אוֹיפְן הֵיילִיגְן אַמוֹרָא רַבִּי חֲנִינָא, הָאט אִיר רַבִּי חֲנִינָא גֶעזָאגְט: ״אִי מִסְתַּיְיעַת זִילִי עֲבִידִי, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ כְּתִיב״, דוּ קֶענְסְט פְּרָאבִּירְן מַאכְן כִּישׁוּף וִויפִיל דוּ וִוילְסְט אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים ד, לה): ״אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ״, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע כִּישׁוּף.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ וֶועט זִי אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; דוּ זַיי אִיר טֶערָאפִּיסְט וַוייל דוּ קֶענְסְט אִיר אוֹיסְהֵיילְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכט.) רָבָא׳ס וַוייבּ - זִי אִיז גֶעוֶוען רַב חִסְדָא׳ס טָאכְטֶער - הָאט זִיךְ פַארְקִילְט; רָבָא אִיז דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה אִין פּוּמְבַּדִיתָא, ״וְאַמְטוּי לְעַרְסָה בַּתְרֵיהּ דְרָבָא לְפוּמְבְּדִיתָא״, הָאט מֶען אִיר גֶעטְרָאגְן מִיט אִיר בֶּעט קֵיין פּוּמְבְּדִיתָא וואוּ רָבָא אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן זִי אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן, עַיֵין שָׁם; זֶעט מֶען אַז דֶער מַאן אִיז דֶער וָואס דַארְף מְחַזֵק זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן מִיט לִיבְשַׁאפְט, דֶעמָאלְט גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשע״ט)

נָשׂא, קכ"ח.) "פָּתַח רַבִּי שִׁמְעוֹן" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס').

אֵיידֶער דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי תּוֹרָה, אוּן בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע פָּארְכְטִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת בֵּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִין דִי צַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט צוּ זָאגְן תּוֹרָה, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין גֶעדַאנְק פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן דִי אָנְוֶועזְנְדֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶפֶּעס אַ פָּסוּק אָדֶער אַ מַאֲמַר חֲזַ"ל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְמַאנְט אִין דִי תּוֹרָה, אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כ"ג.) "מִי אִיכָּא דְנַיִים שִׁבְעִין שְׁנִין", "וִוי קֶען מֶען אָפְּשְׁלָאפְן זִיבֶּעצִיג יָאר?", וָואס דֶער שְׁטִיקֶל וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי תּוֹרָה.

בַּיים זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת בֵּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט מִיט גְרוֹיס דְבֵיקוּת, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער "עוּרוּ יְשֵׁנִים מִתַּרְדֵּמַתְכֶם" (רַמְבַּ"ם, הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, פֶּרֶק ג', הֲלָכָה ד'), הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ נִיגוּן פוּן הִתְעוֹרְרוּת אוּן מִיט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת, אַז אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גְרוֹיס גֶעוֵויין אוֹיפְ'ן קוֹל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמוּזְט אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס זָאגְן תּוֹרָה בִּיז עֶס אִיז אַבִּיסְל אַיינְגֶעשְׁטִילְט גֶעוָוארְן דָאס קוֹל פוּן גֶעוֵויין, אוּן דַאן הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה בִּיזְ'ן סוֹף.

נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה'קְלֶע", אוּן עֶס וָואלְט גֶעפַּאסְט צוּ לַאדֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי פַּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה צוּ דִי חֲתוּנָה. אוֹיף דֶעם הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "זֵיי זֶענֶען זִיכֶער דָא גֶעוֶוען", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, "מִן הַסְתָּם", וִוי צוּ זָאגְן אַז עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט קֵיין סָפֵק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי גַאנְצֶע פַּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז עֶר וָואלְט זֵיי גֶעקֶענְט אוֹיפְהַאלְטְן מִיט דִי תּוֹרָה פַאר דְרֵיי טֶעג אוּן דְרֵיי נֶעכְט, אוּן זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט צִי עֶס אִיז טָאג אָדֶער נַאכְט בִּכְלָל.

### תרטז

וֶוען רוֹב עוֹלָם אִיז זִיךְ שׁוֹין צֶעגַאנְגֶען פוּן טִישׁ, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ צַחוּת, "הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דְרֵיי זַאכְן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי וֶועלְט; אֵיינְס, דִי וֶועלְט זָאגְט אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת הֶעלְפְט צוּ קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף. צְוֵוייטְנְס, דִי וֶועלְט זָאגְט 'פוּן זָאגְן, וֶועט מֶען נִישְׁט טְרָאגְן', אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְקֶערְט, אַז וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִּיק, וָואס דָאס וֶועקְט אוֹיף מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁלָאף, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְן נִפְקָד דִי עֲקָרוֹת, עֶס אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן דְרִיטְנְס, דִי וֶועלְט זָאגְט אַז אַן אֶמֶת'עֶר גָאר גְרוֹיסֶער צַדִּיק דַארְף נִישְׁט קֵיין סַאךְ גֶעלְט, פַארְוָואס זָאל עֶר דֶען דַארְפְן גֶעלְט? אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא סָארְט הִתְבּוֹנְנוּת, וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן פַאר דֶעם אַלֶע גֶעלְט פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט".

אֵיינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר וִויל מֶען זָאל דְרוּקְן דִי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיךְ אִין אִידִישׁ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אַז אַזוֹי קֶען גְרִינְגֶער אוֹיסְקוּמֶען אַז אַ פְרוֹי וָואס קֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער זָאל לֵיינֶען אַ מַעֲשֶׂה, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זִי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה אַז דוּרְךְ סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וֶוערְן נִפְקָד דִי עֲקָרוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס טַאקֶע מְקַיֵּים גֶעוֶוען אוּן הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעדְרוּקְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פוּן אוֹיבְן אוּן אִין אִידִישׁ פוּן אוּנְטְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

## פוּן אָפְּפַאל צוּ אַ שֵׁיינֶע סוּכָּה

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, פוּן וָואס מַאכְט מֶען אַ סוּכָּה? וֶועלְכֶע סְכָךְ אִיז כָּשֵׁר פַאר אַ סוּכָּה? פוּן אָפְּפַאל פוּן תְּבוּאָה, שְׁמוּץ וָואס מֶען וַוארְפְט אַוֶועק אִין דִי מִיסְט, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (סוּכָּה יב.), אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּדֶעקְן זַיין סוּכָּה מִיט וֵויין, אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּדֶעקְן זַיין סוּכָּה מִיט טְרוֹיבְּן – אִיז דִי סוּכָּה פָּסוּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מֶען זָאל דַוְקָא לֵייגְן 'פְּסֹלֶת גֹּרֶן וְיֶקֶב', שָׁאלַאכְטְס אוּן אָפְּפַאל פוּן תְּבוּאָה, אוּנְז צוּ וַוייזְן דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד', 'אִיךְ בִּין אָפְּפַאל', זָאגְט מֶען אִים: "פוּן דִיר קֶען מֶען מַאכְן אַ סוּכָּה!" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע מִצְוָה פוּן דֶעם, מֶען זָאל זִיצְן אַכְט טֶעג אִין אַ סוּכָּה וָואס מֶען דֶעקְט צוּ מִיט אָפְּפַאל, צוּ וַוייזְן אֲפִילוּ אַזַא שְׁוַואכֶע מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיךְ גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל – סוּכּוֹת תשפ"ב)

## מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין וְזֹאת הַבְּרָכָה אוּן בְּרֵאשִׁית

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פוּן וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה; מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֵיינֶען וְזֹאת הַבְּרָכָה, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה. אוֹיךְ קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, בִּפְרַט הֵיי יָאר וֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה גֶעפַאלְט אוֹיס פְרַייטָאג, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר שַׁבָּת צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ שׁוֹין אָנְצוּהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס הַאלְטְן נִישְׁט אַזוֹי, אָבֶּער אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה בְּרֵאשִׁית, בִּפְרַט וֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה גֶעפַאלְט אוֹיס אַזוֹי וִוי דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה – פְרַייטָאג, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען לֵיינְט שׁוֹין בַּיי מִנְחָה פַּרְשַׁת נֹחַ. ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועט עֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשע"ז)


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שמעון עוזר פערל** הי"ו ירושלים
בריח התיכון ארויסצוהעלפן מיט אלעס וואס
פעלט זיך אויס, ובפרט אין הדפסה והפצה
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אלי זעלקאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **אברהם צבי כהן** הי"ו בית שמש
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **ארי' יצחק פעדער** הי"ו ירושלים
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **ארי פיש** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון 'ישעי' למזל טוב

## יום טוב סוכות

דרשות, שיעורי תורה, ניגונים, מגילת קהלת,
מסכת סוכה מעשיות פאר קינדער, און נאך;
אויף דעם הייליגן און פרייליכן יום טוב סוכות
> קול ברסלב <
**212-444-9191**
1, 1, 9, 3

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,
קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,
סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >